ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

הקדמת המחבר והמוציא
לאור, וסיפורים נפלאים
אידיש

**498**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# וואונדערליכע ענינים
# פונעם בעל מחבר
# "שבט מוסר"
# רבי אליהו הכהן

## זצללה"ה

בעל מחבר פון קרוב צו 40 ספרים

# וואונדערליכע ענינים פונעם בעל מחבר "שבט מוסר"

**דער** מחבר פון "שבט מוסר", **רבי אליהו הכהן** זצללה"ה, איז געווען אַ הייליגער צדיק, איינער פון די רבנים פון דער שטאָט איזמיר. זיין גרויסקייט איז נישט אָפּצושאַצן צווישן די גדולי ישראל. אַלע האָבן אויף אים אויסגערופן "**מקודש מקודש**", און זיי טאַקע זאָגן עדות אויף זיין גרויסקייט (זע די הסכמה פון די רבנים פון דער שטאָט איזמיר).

**דער** מחבר פונעם ספר **שבט מוסר** איז געבוירן געוואָרן מיט העכער דריי הונדערט יאָר צוריק, ביי זיין פאָטער, הגאון ר' **אברהם שלמה** ז"ל, באַקאַנט אַלס דער "**איתמרי**".

**לויט** ווי דער **חיד"א** זצ"ל זאָגט עדות, האָט ער מחבר געווען נאָהנט צו 40 ספרים, מערסטנס ספרי דרוש און מוסר.

**צום** מערסטנס באַקאַנט פון אַלע זיינע ספרים איז דער ספר "**שבט מוסר**", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן במשך די הונדערטער יאָרן אין **נאָענט צו 80 אויסגאַבעס!** טייל פון די דאָזיגע דרוקן, זענען מיט עברי-טייטש אין אידיש, און טייל מיט אַ פירוש אויף דער לאַטיינישער שפּראַך. אין דער אויסגאַבע פון איזמיר, תקכ"ז, האָט דער דרוקער איינגעטיילט **די 52 פרקים פון ספר לויט די 52 פרשיות פון יאָר.**

**ווי** געזאָגט, איז דער מחבר געווען אַ רב אין דער שטאָט איזמיר. יונגערהייט האָט זיין נאָמען שוין געקלונגען אַלס אַ גאון אין תורה, אין נגלה און אין נסתר, ווי אויך אַלס הייליגער מאַן און גרויסער בעל-צדקה. ער האָט אויך געדינט אַלס אפוטרופוס פאַר אָרימעלייט, אַרומגייענדיג איבער די רייכע אידישע הייזער צו זאַמלען געלט פאַר אָרימע אידן.

**ער** האָט טאַקע אויך מחבר געווען אַ ספר אויף דער מצוה פון צדקה, **"מעיל צדקה"**. אין דעם ספר מעיל צדקה האָט דער מחבר צוזאַמענגענומען אַלע מאמרי חז"ל וועגן דעם ענין פון צדקה (זע אויך אין דער הקדמה פונעם מחבר זצ"ל).

**ער** האָט געמוסר'ט די גבירים, וועלכע האָבן באַוויזן אויפצובויען פאַר זיך הייזער, אַז אנשטאט אויסגעבן אַזויפיל געלט פאַר אויסמעבלירן און באַצירן אַזאַ הויז, זאָלן זיי בעסער געבן אַ סכום געלט פאַר צדקה. ער שרייבט צווישן אַנדערן: **"פיל מאָל האָב איך קריטיקירט די מענטשן וועלכע בויען חורבות, הייזער און בוידעמער מיט אַזוי פיל אויסגאַבן... אויף גאָרנישט. ער וואָלט געקענט קויפן עולם הבא אויב ער וואָלט אויסגעטיילט אפילו אַ האַלב פון זיינע הוצאות פאַר אָרימעלייט אָדער אַן אַנדער דבר מצוה, אַלס דאַנק פאַרן אויבערשטן וואָס ער האָט אים דערמעגליכט צו בויען פאַר זיך אַ הויז"** (מדרש תלפיות, ענף "הבל", דף קנ"ט ע"ד).

**ער** האָט אויך נישט צוגעלאָזט די ראשי הקהל און שטאָטישע נדבנים, צו שפענדן איבעריג געלט אַפילו צו פאַרשענערן די שוהלן, אנשטאט צו שטיצן אָרימעלייט. ער שרייבט: **"און בפרט יענע טפשים וועלכע בויען שיינע שוהלן און פאַרשווענדן איבעריגע אויסגאַבן... עס וואָלט געווען כדאי בעסער אויסצוטיילן דאָס דאָזיגע געלט פאַר די אָרימעלייט פון דער קהילה... פיל מאָל האָב איך זיך געשפאַרט מיט זיי, אבער עס איז מיר נישט געלונגען. דער אויבערשטער זאָל זיי מוחל זיין, ווייל סוף כל סוף מיינען זיי דאָך לשם שמים"**. (מדרש תלפיות שם, ענף "הבל", דף קנ"ט ע"ד).

**ער** איז געווען אַ גרויסער דרשן און מוכיח. זיינע דרשות האָבן אַריינגעדרונגען טיף אין האַרצן פון די צוהערער, און האָבן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג. ער פלעגט אויסמאָלן זיינע מוסר-

דרשות מיט משלים און בילדער פונעם ווירקלעכן לעבן, אַזוי אַז די ווערטער זענען געבליבן איינגעקריצט ביי די צוהערער.

**ר'** חיים אבולעפיע, וועלכער האָט געדינט אַלס רב אין איזמיר אַן ערך דרייסיג יאָר נאָך דער פטירה פונעם מחבר פון "שבט מוסר", זאָגט עדות אויף אים, אין זיין הסכמה צום ספר "מדרש אליהו": "איך געדענק, ווען איך בין געווען יונג, איז די דאָזיגע שטאָט... אין וועלכן ס'זענען געזעסן די ראשי סנהדרין... און צווישן זיי **דער מלאך אלוקים, דער מנהיג פונעם דור, פועל ישועות, הרב הדומה למלאך, אונזער האַר ר' אליהו, וואָס עס איז נישט געווען אויף דער וועלט אַזאַ חשובער איד ווי ער, אַפילו אַ העלפט, אַ דריטל אָדער אַ פערטל פון זיין גרויסקייט.** דאָס זענען זיינע גבורות, דאָס זענען זיינע פּאָרכטיגקייטן, די חכמים ווייסן פון דעם און דערציילן וועגן דעם. דער באַפעל פונעם קעניג איז געהערט געוואָרן דורך דעם צדיק, וועלכער איז אַלע זיינע יאָרן געזעסן און געדרש'נט, און מקנא געווען קנאת ה' צבאות, ווי אַ מענטש פון מלחמה האָט ער אַרויסגערופן אַ שנאה קעגן די רשעים, און אַ סך מענטשן האָט ער צוריקגעקערט פון זייערע עבירות מיט זיין מוסר רייד".

**דער** מחבר אַליין זאָגט עדות (אין פרק ל"ז) אַז אין אַ געוויסן שבת נאָכמיטאָג איז צו אים געקומען אַ איד און האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט געוואָלט באַגיין היינט אַ האַרבע עבירה, רחמנא ליצלן, אָבער נאָך דעם ווי ער האָט געהערט דעם רב'ס דרשה, האָט עס אויף אים געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון טוהן די עבירה. ער איז געקומען דאַנקען דעם רב דערפאַר וואָס ער האָט אים געראַטעוועט פון דער עבירה, און ער האָט אים בשעת מעשה געקושט די הענט.

**דאָס** ערשטע ספר וואָס דער מחבר האָט אַרויסגעגעבן אין דרוק, איז געווען דער ספר שבט מוסר, אַזוי ווי ער אַליין

שרייבט ביים סוף פון דעם ספר, און דאָס איז זיין לשון: "**היות עס איז דאָך ראשית חכמה יראת ה', דעריבער איז דער ספר שבט מוסר געדרוקט געוואָרן צוערשט, ווייל עס ברענגט אַריין יראת שמים אינעם מענטש וואָס לייענט עס**". ער שרייבט אויך, אַז זיין ציל מיטן דאָזיגן ספר איז צו זיין אַ מזכה את הרבים און צוריקצוקערן אַ סאַך אידן פון עבירות, ווי ער שרייבט אין אָנהויב פון פרק מ"ד (זע אויך די הקדמה פונעם מחבר).

**זיינע** מקורות פאַרן דאָזיגן ספר האָט דער מחבר גענומען, אין צוגאָב צו מדרשים פון חז"ל און זוהר, אויך פון די ספרים פון די קדמונים, די ספרים פון אריז"ל און זיינע תלמידים. בעיקר האָט דער מחבר געשעפּט פולע הויפּנס פון די הייליגע ספרים ראשית חכמה און של"ה הקדוש.

**נישט** אומזיסט האָט רבי אליהו הכהן זוכה געווען עס זאָל זיין "דבריו נשמעים", מען זאָל זיך צוהערן צו זיינע רייד. דאָס איז געווען נאָר אַדאַנק דעם וואָס ער האָט זיך געפירט בקדושה ובטהרה. ער האָט אַלץ געטוהן לשם שמים. דעריבער האָבן זיינע ווערטער געהאַט אַ השפעה, און מן השמים האָט מען מיט אים געטוהן וואונדער.

**און** נישט נאָר פאַר די מענער האָט ער געדינט אַלס דרשן און מוסר-זאָגער, נאָר אויך פאַר די פרויען. ער האָט זיך קיינמאָל נישט מונע געווען פון מוסר'ן די ווייבער וועגן ענינים פון צניעות, ווי ער זאָגט אַליין עדות אויף זיך: "פיל מאָל האָב איך זיך געקריגט מיט פרויען וועלכע זיצן ביי די טויערן פון זייערע חצרות אינמיטן טאָג, און יעדער דורכגייער קוקט אויף זיי ווי עס גלוסט זיין יצר הרע, און פיל שלעכטע שטרויכלונגען קומען אַרויס פון דעם". (שבט מוסר, פרק כ"ז).

**אַלס** דיין אין דער שטאָט איזמיר האָט ער מלחמה געהאַלטן קעגן די וועלכע נעמען רבית, אַ זאַך וואָס האָט זיך

פאַרשפרייט צווישן די מענטשן פון זיין שטאָט: "זאָגט דער שרייבער: ביי יעדן דין פון רבית וואָס איז געקומען פאַר מיר, האָב איך זיך אָנגעגאַרטלט ווי אַ מאַן, געלויבט איז דער באַשעפער, און עס מבטל געווען. אפילו אַ יתום און אַן אלמנה, אַן אָרימאַן וואָס האָט געגעבן פאַר רבית, האָב איך זיי צוריקגעגעבן בלויז דער קרן, און דער רבית איז בטל געוואָרן. איך האָב נישט געקוקט אויף זייערע געשרייען, ווייל דער אויבערשטער איז דער פאָטער פון די יתומים און דער דיין פון אלמנות, און אַ פאָטער פאַר אָרימעלייט, וואָס ער גיט אַכטונג אויף זיי צו געבן זיי פרנסה אויף אַ היתר'דיגן וועג. און נאָך די מעשה פלעג איך זיי מודיע זיין וועגן דעם איסור פון רבית, אַז ווער עס נעמט רבית וועט נישט אויפשטיין תחיית המתים לעתיד לבוא, ווי די חז"ל זאָגן. און היות די אידן זענען אַ הייליג פאָלק, האָבן זיי זיך געפרייט אַז איך האָב זיי געראַטעוועט פון אַזאַ האַרבן זינד, און אדרבא, זיי האָבן מיר נאָך מכיר טובה געווען אַז איך האָב זיי פאַרמיטן פון דעם חטא" (ידו בכל, סוף סי' תע"ד, דף פ"ג, עמוד ד').

**ר'** אליהו איז געווען באַוואוסט אַלס הייליגער איד און בעל מופת, און אידן פלעגן זיך ווענדן צו אים מיט בקשות צו פאַרטרייבן רוחות פון די מענטשן. ער אליין דערציילט אונז וועגן איין רוח, וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין אַ פרוי אין חודש אב שנת ה'תמ"ח, און ער האָט אים פאַרטריבן פון איר. ער דערציילט אויך וועגן צוויי דיבוקים, וועלכע זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ בחור און אין זיין שוועסטער, אַ מיידל פון זעקס יאָר, און אויך די דאָזיגע צוויי דיבוקים האָט ער פאַרטריבן. (זע זיין ספר "ולא עוד אלא", דף מ"ה ע"ב, וואָס די דרוקער האָבן אויסגעלאָזט די דריי מעשיות, ווייל זיי זענען שוין אַריינגעשטעלט געוואָרן דורכן מוציא לאור אין זיין ספר "מנחת אליהו", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר ה'תקפ"ד אין שאלוניקי, - עיין שם, דף ו' ע"ב).

**אַזוי** זאָגט ער אויך עדות וועגן זיך: "פיל ענינים פון רוחות האָב איך אַליין געזען, ווי זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין די גופות פון פאַרשידענע מענטשן און האָבן דערציילט וועגן זייער שטראָף, וואָס זיי זענען דורכגעגאַנגען פונעם טאָג פון זייער שטאַרבן ביז זיי זענען אַריינגעקומען אין דעם גוף. עס שטעלן זיך ממש אויף די האָר פון דעם מענטש וואָס הערט עס". (שבט מוסר, פרק י"ח).

**אין** אַן אַנדער אָרט שרייבט ער: "איך האָב געזען פיל רוחות וועלכע זענען אַריין אין מענטשן און איך האָב מיט זיי גערעדט. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן די שלעכטע וואַסערן, ביטערע און פאַרביטערטע וועלכע זענען איבער זיי אַדורכגעגאַנגען ווען זיי זענען אַרומגעפלויגן אין דער לופט, און אַנדערע וואונדערלעכע זאַכן וועגן זייער שטראָף און וואָס זיי האָבן געזען בעת זייער אַרומפליען אין חלל פון דער וועלט... און נאָך ענלעכעס, וואָס דאָ איז נישט דאָס אָרט זיי אַרויפצוברענגען מיטן טינט אויפן ספר, און אויך ווייל איך האָב שוין פיל ענלעכע זאַכן געשריבן אין אַנדערע חיבורים. איך וועל זיך אָבער נישט איינהאַלטן פון צו דערציילן אַ וואונדערלעכע זאַך וואָס איך האָב געזען ביי איין רוח, וואָס איך האָב אים באַצוואונגען מיט פאַרשידענע חרמות אַז ער זאָל אַרויסגיין פונעם מענטש, און וואָס האָט ער געטוהן מקיים צו זיין דעם חרם? ער איז טאַקע אַרויסגעגאַנגען פון יענעם גוף, אָבער ער איז אַריין צווישן די האָר פונעם קאָפּ, און די האָר האָבן זיך אויפגעשטעלט אינמיטן קאָפּ און זענען אַרויס צווישן די אַנדערע האָר אַרום דעם קאָפּ, און די האָר זענען געוואָרן האַרט אַזוי ווי אייזערנע שפּילקעס. איך האָב געהייסן אָפּשערן די דאָזיגע האָר מיט אַ שאַרפן מעסער, און ווען דער מעסער איז געקומען נאָענט צו די האָר, האָבן די האָר עס אַוועקגעשטופּט מיט שטאַרקייט, ביז מ'האָט קוים אָפּגעשוירן די האָר, און עס איז פון זיי אַרויסגעגאַנגען

אַסאַך היץ, און איז פון דאָרט אַרויסגעפלויגען. מ'האָט נאָך אַזוינס נישט געזען און נישט געהערט". (מדרש תלפיות, ענף "גלגולים", דף צ"ג ע"א).

**אונזער** מחבר איז אויך געווען אַ פייטן און אַ משורר, און אויסער זיינע מוסר-רייד, האָט ער אויך געשריבן שירים פון צייט צו צייט, און זיי זענען אָפּגעדרוקט אין זיינע ספרים. (אין מדרש אליהו, סוף דרוש ז': אַ תוכחה און אַ שיר, לויטן סדר פון תשר"ק, וואָס פאַנגט זיך אָן "אדם ילוד אשה". און אין שבט מוסר, פרק כ"א, איז דאָ אַ ווידוי, תחינה און בקשה, וואס פאנגט זיך אָן: "הי' אלקי אשר יצרתני"). **אויך** זענען געדרוקט געוואָרן 20 שירים פונעם מחבר אין דעם קונטרס "כור לזהב", ביים סוף פון זיין ספר "ידו בכל" (דף רל"א): "וואָס דער אויבערשטער האָט אונז צוגעשיקט אַ קליינעם קונטרס פון דעם מחבר ז"ל און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן **"כור לזהב"**.

**ווען** זיין פאָטער איז נפטר געוואָרן, כ"ז אלול תי"ט, און ער איז נאָך געווען גאָר יונג, האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַ נוסח פאַר די מצבה.

**על** המנורה הטהורה / יורידו דמעות כנחל

**מקור** בינה והאורה / אביר בתורה כשחל

**זרח** האל מאורה / וכשינתו עליו חל

**ידיד** האל הנורא / חלקו נטה ברש ביחל.

(**זע** כור לזהב, דף רל"א ע"א: "אַ געזאַנג וואָס איך האָב אויסגעקריצט אויף דער מצבה פון מיין פאָטער זלה"ה, זרע קודש מצבתה, דער חכם השלם, דער חסיד און עניו, כמהר"ר שלמה אברהם הכהן זצ"ל").

❖❖❖

## אַ מורא'דיגע מעשה

**רבי** אליהו הכהן, דער בעל שבט מוסר, פלעגט גיין אַ גאַנצן טאָג אָנגעטוהן אין טלית און תפילין, און ער האָט שטענדיג געהאַט אַ גאַרטל אויף זיך. קיין שום דבר שבקדושה האָט ער נישט געטוהן אָן אַ גאַרטל, און אַוודאי האָט ער אָנגעטוהן די גאַרטל צו מאַכן אַ ברכה, אָדער ביים זאָגן אַ תפילה.

**אַמאָל**, אין אַ געוויסן פאַרטאָגס, ווען רבי אליהו הכהן איז אויפגעשטאַנען, און עס איז נאָך געווען פינסטער אינדרויסן, האָט ער געוואָלט זאָגן ברכות השחר. ער האָט גענומען טאַפּן אין דער פינצטערניש אַרומצונעמען זיך מיט דער גאַרטל. ער האָט עס געזוכט אויף דעם אָרט וואו ער פלעגט עס געווענליך לייגן.

**נישט** וועלנדיג מאַכן די ברכה אָן אַ גאַרטל, ווי ער פלעגט זיך שטענדיג פירן, האָט ער ווייטער געטאַפּט אין דער פינסטערניש, ביז ער האָט ענדלעך אָנגעטראָפן אויף אַ דיקע און לאַנגע זאַך, וואָס האָט אים אויסגעקוקט ווי אַ דיקער שטריק. ער האָט גענומען די דאָזיגע "גאַרטל", האָט זיך אַרומגעוויקלט, און גענומען זאָגן ברכות השחר.

**נאָך** דעם ווי דער בעל שבט מוסר איז פאַרטיג געוואָרן מיט די ברכות, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לערנען אויסנווייניג, ביז עס איז געוואָרן טאָג.

**ווען** עס האָט אָנגעפאַנגען צו טאָגן און עס איז געוואָרן ליכטיג, איז דער בעל שבט מוסר דערציטערט געוואָרן. די "גאַרטל", מיט וועלכע ער האָט זיך געהאַט אַרומגעוויקלט, איז געווען נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ שלאַנג!

**אין** דער ליכטיגקייט האָט ער געזען ווי דער שלאַנג איז אַראָפּגעקראָכן פון אים, און איז פאַרשוואונדן אינדרויסן...

**ערשט** דעמאָלט האָט ער געזען דאָס גרויסע נס, וואָס ער איז ניצול געוואָרן פון אַ בייזן שלאַנג.

**אַלס** דאַנק-אויסדרוק צום אויבערשטן פאַרן דאָפּלטן נס וואָס ער האָט מיט אים געטוהן – ער האָט אים מזמין געווען פון הימל אַ "גאַרטל", ער זאָל נישט דאַרפן זאָגן די ברכות אָן אַ גאַרטל; און וועגן דעם נס וואָס דער גיפטיגער שלאַנג האָט אים נישט געשעדיגט – האָט רבי אליהו הכהן מחבר געווען אַ ניי ספר, און עס אַ נאָמען געגעבן "**אזור אליהו**" – אליהו'ס גאַרטל...

## אַ וואונדערליכע מעשה
## ווי אַזוי דער ספר שבט מוסר איז אַראָפּגעקומען פון הימל

**דער** הייליגער רבי ר' שמחה בונם פון פשיסכע זי"ע איז אַמאָל געזעסן אין זיין צימער, מיט פאַרגלייזטע אויגן, פאַרטראַכט און פאַרטיפט אין זיינע הייליגע מחשבות. די הענט האָבן צוגעדעקט זיין שטערן.

**פון** צייט צו צייט האָט דער רבי ר' שמחה בונם אַראָפּגעלאָזט זיין בליק אויפן ספר, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, זיך פאַרטראַכט מיט זיינע ליכטיגע אויגן, און פּלוצלונג האָט ער געזאָגט.

**אין** אונזער דור איז נישטאָ אַ חכם וואָס מען זאָל אים געבן אַ ליטרא דדהבא אויב מען פאַרשעמט אים (שולחן ערוך יורה דעה, סי' רמ"ג, סעיף ב', רמ"א).

**רבי** שמחה בונם איז געזעסן פאַרטראַכט, זיך איינגעקוקט אינעם ספר, און שטילערהייט געשעפטשעט.

– **ווי** אַזוי איז דאָס מעגליך? מיינע הייליגע רביים, די צדיקי הדור, וועלכע האָבן נישט געגעבן קיין ריר, אַפילו אַ קליינע תנועה, אָן דעת תורה, און האָבן ביי יעדער זאַך אינזין געהאַט הייליגע כוונות, זייענדיג דבוק אין דעם באַשעפער יעדע מינוט פון טאָג, און זיי האָבן נישט איבערגעריסן זייער דביקות אין אים, יתברך שמו; די רביים, ביי וועמענ'ס שטויב פון די פיס איך האָב זיך מתאבק געווען, זיי משמש געווען טעג און יאָרן, און באַטראַכנדיג זייערע מעשים האָב איך געזען און פאַרשטאַנען זייער גרויסקייט, זייער רוח הקודש און הייליגקייט, מיין רבי, דער חוזה פון לובלין זי"ע און דער יוד הקדוש פון פשיסכע, טאָ ווי קען מען זאָגן אַז אין אונזער דור זענען נישטאָ קיין חכמים, זיי זענען דאָך געווען אין אונזער דור, און אויב זיי זענען נישט אין דער בחינה פון אַ חכם וואָס אויב מען פאַרשעמט אים ווערט מען געקנס'עט מיט אַ ליטרא של זהב, טאָ ווער דען איז אין אַזאַ מדרגה פון חכמה?

**אַזוי** איז רבי שמחה בונם פון פשיסכע געזעסן אַ לאַנגע צייט פאַרטראַכט אין זיינע הייליגע מחשבות, נישט אַרויסזאָגנדיג קיין פיפס. אויסערלעך האָט ער אויסגעזען רואיג, אָבער אין זיינע אינעווייניגסטע מחשבות איז ער געווען אויפגעקאָכט.

**פלוצלונג** האָט זיך די טיר געעפנט.

**דער** הייליגער רבי ר' בונם האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, און דערזען ווי עס קומט אַריין אין צימער אַ צוויי-יעריג מיידל.

**דאָס** קינד, וואָס האָט ערשט געהאַט אָנגעהויבן צו גיין אויף די פיס, איז געווען די טאָכטער פון הרה"ק ר' ירחמיאל פון

פשיסכע זי"ע, אַ זון פונעם "יוד הקדוש" זי"ע.

**נאָך** איידער דער רבי ר' בונם האָט באַוויזן צו פרעגן דאָס קינד וואָס איר באַגער איז, און נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו פרעגן איר ווי אַזוי זי איז אַריינגעקומען אין דעם פאַרשפאַרטן צימער, זייענדיג אַזאַ יונג קינד, איז דאָס קליינע מיידל צוגעקומען נאָענט צום טיש, מיט אַ ספר אין דער האַנט. זי האָט אַראָפּגעלייגט דאָס ספר אויפן טיש, און נישט אַרויסזאָגנדיג אַ וואָרט, איז זי צוריק אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

**דער** רבי ר' בונם האָט געעפנט דאָס ספר, און צו זיין גרויסער פאַרוואונדערונג האָט ער געזען אַז דאָס איז דאָס באַקאַנטע ספר "שבט מוסר", פונעם גאון ר' אליהו הכהן זצ"ל פון איזמיר. דער רבי האָט געבלעטערט דאָס ספר, און באַמערקט ווי איין עמוד איז איינגעבויגן, אַלס צייכן פאַר אים מעיין צו זיין אין יענעם אָרט.

**דער** רבי האָט איבערגעלייענט דעם גאַנצן עמוד, פון אָנהויב ביזן סוף. ביים סוף פונעם עמוד דערזעט ער פלוצלונג די ווערטער:

**"ונחזור למעלת התורה ונדבר בחכמת החכמים שנגלה להם תעלומות ובקיאים בכל. ולא מיבעיא חכמי התלמוד, שגדלה מעלתם ממלאכי השרת, אלא אפילו החכמים שבכל דור ודור"** (שבט מוסר, פרק י"א).

**שטייט** דאָך דאָ בפירוש, אין דעם ספר שבט מוסר, אַז נישט נאָר די חכמים פון דער צייט פון דער גמרא איז זייער מעלה געווען העכער און גרעסער פון דער מדרגה פון די מלאכי השרת, נאָר אַז אין יעדן דור זענען דאָ חכמים וועלכע זענען אין אַזאַ מדרגה, ווי דער שבט מוסר שרייבט בפירוש "אפילו החכמים שבכל דור ודור".

**ביים** רבי'ן איז אָבער געווען אַ גרויסער וואונדער, פון וואַנען האָט דאָס קליינע מיידל געוואוסט צו ברענגען אים דעם ספר שבט מוסר, מיטן קנייטש אויף יענעם עמוד?

**צוערשט** האָט דער רבי ר' בונם געטראַכט, אַז דאָס האָט דער פאָטער פון קינד, הרה"ק ר' ירחמיאל מפשיסכע, געשיקט צו אים דעם ספר שבט מוסר. עס איז אים אָבער נישט געווען קלאָר פון וואו האָט רבי ירחמיאל געוואוסט צו שיקן צו אים פונקט דאָס דאָזיגע ספר, און אָנגעצייכנט פונקט אין יענעם אָרט, ער האָט דאָך מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן דעם, נאָר בלויז געטראַכט דערפון?

**מיט** אַ קורצע צייט שפּעטער, ווען דער רבי ר' בונם און רבי ירחמיאל האָבן זיך באַגעגנט, האָט רבי בונם אויסגערופן צו רבי ירחמיאל.

– **איך** וויל אייך דאַנקען פאַרן שיקן מיר דעם ספר שבט מוסר, און פאַרן אָנצייכענען אַן ענין וועגן וועלכן איך האָב פונקט דאַן געטראַכט!

**אַ** פאַרוואונדערטער, האָט רבי ירחמיאל אויסגערופן.

– **וועגן** וואָס רעדט איר? איך האָב דאָך אייך בכלל נישט געשיקט דעם ספר שבט מוסר, און איך האָב עס שוין אַ לאַנגע צייט נישט געזען!

**רופט** זיך אָפּ דער רבי ר' בונם:

– **אייער** טאָכטער, דאָס קליינע מיידל, האָט דאָך מיר געברענגט דאָס ספר!

**זאָגט** רבי ירחמיאל:

– **אָבער** איך האָב איר נישט געשיקט דערמיט!

**האָבן** זיי באַשלאָסן צו רופן דאָס מיידל, און איר אַליין פרעגן.
ווען זיי האָבן געפרעגט דאָס מיידל, ווער עס האָט איר געגעבן דאָס ספר "שבט מוסר" פאַרן רבי'ן ר' בונם, האָט זי געענטפערט.

– **אַן** עלטערער איד מיט אַ לאַנגער באָרד האָט מיר געגעבן דאָס ספר און באַפוילן איך זאָל עס איבערגעבן צו רבי ר' בונם פון פשיסכע.

**רופט** זיך אָן רבי ירחמיאל:

– **יענער** זקן איז אַוודאי געווען אליהו הנביא, זכור לטוב, וועלכער האָט נישט געקענט צוקוקן אייער צער, און דעריבער האָט ער אייך געברענגט דאָס דאָזיגע ספר, "שבט מוסר", מיט אַ קנייטש אין יענעם עמוד, כדי דער ענין זאָל ביי אייך פאַרענטפערט ווערן.

**דער** רבי ר' בונם האָט אַריינגעקלערט צו דער זקן איז געווען אליהו הנביא, אויף וועמען עס ווערט געזאָגט, "איש פקיד על כל בשורות טובות", און אויך אַז "תשבי יתרץ קושיות ואיבעיות", אָדער אפשר איז דאָס געווען דער גאון רבי אליהו פון איזמיר זצ"ל, דער מחבר פון הייליגן ספר "שבט מוסר", בכבודו ובעצמו.

* * *

**ווען** דער רבי ר' חנוך העניך פון אַלעקסאַנדער זצ"ל האָט דערציילט די דאָזיגע מורא'דיגע פאַסירונג, האָט ער צוגעגעבן.

- מיט מיינע אויגן האָב איך געזען דאָס דאָזיגע ספר "שבט מוסר". עס איז שטענדיג געלעגן ביים רבי'ן ר' בונם אויפן טיש. פון צייט צו צייט האָב איך אַפילו געלערנט דערין.

**די** תלמידים פונעם רבי'ן ר' הענעך פון אַלעקסאַנדער האָבן אפילו געוואוסט צו דערציילן, אַז זייער רבי, דער אַלעקסאַנדערער, האָט דאָס דאָזיגע ספר באַקומען פון דעם רבי'ן ר' בונם, וועלכער האָט פאַר זיין פטירה באַפוילן מען זאָל דאָס ספר געבן רבי הענעכ'ן, וועלכער האָט דערין געהאַט אַ טאָג-טעגליכן שיעור קבוע.

# אַ מורא'דיגע געשיכטע
## פון דעם הייליגן מחבר פון "שבט מוסר", ווען ער איז געווען רב אין איזמיר

**אין** דעם ספר "דרך אמונה" אות צ', צדקה, דף פ"ח ע"ב, ווערט געבראַכט די פאָלגענדע געשיכטע:

**הרב** אליהו כהן זלה"ה דער מחבר פון ספר "שבט מוסר", האָט געוואוינט אין דער שטאָט איזמיר יע"א. ווען דער רב פון שטאָט איז געשטאָרבן, האָבן די מענטשן און די פירער באַשלאָסן אָנצונעמען הרב אליהו כהן אַלץ אַ רב, זענען זיי אַלע געגאַנגען צו אים אין דער היים און האָבן אים געבעטן אָנצונעמען די שטעלע פון אַ רב און דיין אין שטאָט. נאָך דעם וואָס זיי האָבן אים שטאַרק געבעטן, האָט ער צוגעשטימט דערצו, און האָט זיי געזאָגט "איך וועל ווערן רב אָבער איר זאָלט מיר צוזאָגן אָנצונעמען אַלץ וואָס איך וועל אויף אייך אַרויפלייגן". זיי האָבן עס אָנגענומען און מען האָט געשריבן און גע'חתמ'עט אַ 'שטר קבלה' און מען האָט עס איבערגעגעבן דעם נייעם רב, און אַזוי איז ער געוואָרן רב.

**אַ קורצע** ווײַלע שפּעטער, שיקט דער רב צו די מענטשן פון שטאָט, אַז זיי זאָלן געבן פינף הונדערט גרוש פאַר צדקה צו צעטיילן פאַר אָרעמע לייט - האָבן זיי געגעבן. די קומענדיקע וואָך האָט ער געהייסן געבן טויזנט גרוש - האָבן זיי געגעבן און מען האָט עס צעטיילט פאַר אָרעמע לייט.

**די** דריטע וואָך האָט ער געשיקט מען זאָל געבן טויזנט און פינעף הונדערט גרוש - האָט מען ווידער געגעבן און צעיילט פאַר אָרעמע לייט.

**די** פערטע וואָך האָט ער געהייסן געבן צוויי טויזנט גרוש, האָט מען אים געזאָגט אַז מען וועט נישט געבן, ווייל יעדער וואָך הייסט ער געבן מער און מער.

**האָט** ער געשיקט רופן די גבירים פון שטאָט, און פּרובירט זיי צו באַווירקן אַז זיי זאָלן געבן צוויי טויזנט גרוש יעדער וואָך, און מער וועט עס נישט אַרויפגיין, האָבן זיי געענטפערט אַז דאָס איז אוממעגלעך, יעדער יאָר הונדערט טויזנט גרוש.

**האָט** זיי דער רב געענטפערט, איך האָב אַזוי אויסגענומען, און אויב איר וועט נישט געבן וואָס איך האָב געהייסן, צי איך זיך צוריק פון די דיינות, און איך ווער אויס רב און דיין. האָבן זיי געענטפערט אַז זיי גיבן נישט, און דער רב האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די רבנות. דערנאָך האָבן זיי זיך איבערגעטראַכט און דורכגעשמועסט, און זיי האָבן אים צוריק אָנגענומען אַלץ רב און דיין.

## דער שלעכטער שר און זיין שוואַרצער סוף

**אין** יענע צייטן איז געוועזן איינגעפירט אַז יעדער שר פון אַ שטאָט האָט געשיקט דעם קיסר אַ באַשטימטע סומע געלט, און דער שר האָט איינגעמאָנט פון די איינוואוינער פון זיין שטאָט וויפל ער האָט געוואָלט. און ער האט געהאַט אַ שריפט פון דעם קיסר אַז ער האָט רעכט צו טאָן אין דער שטאָט וואָס ער וויל, אַרעסטירן מענטשן, אויפהענגען און הרגענען, אָן קיינע ערלויבעניש.

**איינער** פון די שרים, וועלכער איז געוועזן זייער אַ שלעכטער, איז געקומען קיין איזמיר, און האָט איינגעזאַמלט אַלע פּאָליציי און די מוסרים און די אָנפירער פון שטאָט, און האָט זיי אָנגעזאָגט מען זאָל אים לאָזן וויסן וויפל געלט יעדער איינוואוינער פון דער שטאָט - אַ איד צי אַ גוי - פּאַרמאָגט. דער

שר האָט אָנגעזאָגט אַז יעדערער זאָל אים געבן וויפל געלט ער האָט. צום ביישפּיל: ער האָט געוואוסט אַז ראובן האָט צען טויזנט גרוש, האָט ער אָנגעזאָגט ראובן זאָל אים געבן צען טויזנט גרוש. און אַז ער האָט געוואוסט אַז שמעון האָט פינף טויזנט גרוש, האָט ער אָנגעזאָגט שמעון זאָל אים געבן פינף טויזנט גרוש, און אַזוי יעדער אינער זאָל אים געבן זיין גאַנץ פאַרמעגן. דער שר האָט אויף דעם באַשטימט אַ צייט פון צוויי חדשים, יעדער וואָך אַ געוויסע סומע געלט, ביז זיי וועלן באַצאָלן די גאַנצע געלט, און ווער עס וועט נישט אויספּאָלגן און נישט באַצאָלן וועט מען הרגענען.

**האָט** הרב אליהו זיע"א צוזאַמענגערופן די גבאים און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז אַלץ וואָס זיי קלייבן צוזאַמען פון די מענטשן זאָלן זיי ברענגען צו אים, און ער וועט זיי באַצאָלן מיט פראָצענטן מער ווי דער שטייגער, יעדער מאָנאַט. די גבאים האָבן אויסגעפאָלגט און געברענגט דאָס אויפגעמאָנטע געלט צו דעם רב. דער רב האָט געהייסן זאָגן דעם שר אַז די געלט איז ביים רב, און ער וועט שוין רעדן מיטן שר. דער רב האָט אויסגערופן פאַר אַלע מענטשן וואָס ער האָט גערעדט מיט די גבאים, און אַזוי האָבן אַלע גלייך געגעבן.

**עס** איז אַריבער עטלעכע טעג און דער שר האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווער איז עס דער רב און וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער צו נעמען דאָס געלט? האָט מען אים געזאָגט, אַז דער רב איז אַ גרויסער מענטש, אַ חסיד, אַ באַגלייבטער מענטש, און זיכער מיינט ער דיין טובה און די טובה פון די מענטשן פון שטאָט, און ער איז אַ קלוגער מענטש. רעד זיך דורך מיט אים וועסטו זען אַז עס איז ריכטיג.

**אויף** צו מאָרגנס האָט ער געשיקט רופן דעם רב. דער שר האָט געפרעגט דעם רב, וואָס האָסטו געטאָן, דו האָסט גענומען

די גאַנצע געלט פון די גבאים. האָט ער רב געענטפערט אַז איך האָב נישט געגעבן קיין רעסיט (קבלה) אויף אַלץ וואָס איך האָב גענומען נאָר עס איז פאַרזיגלט מיט מיין זיגל. האָט דער שר געזאָגט, איך האָב וועגן דעם געהערט.

**האָט** זיך דער רב אָנגערופן צו דעם שר, הער מיך אויס מיין האַר, איך האָב אַ גוטע עצה צו דעם שר און צו דעם קיסר יר״ה. אויב דו וועסט צונעמען די גאַנצע געלט פון די מענטשן און זיי וועלן אָרעם ווערן, ווי אַזוי וועלן זיי מעגלעך געבן שטייערן צו דעם קיסר, דערפאַר וועל איך זיי אָפּגעבן זייער געלט מיט פּראָצענט מער ווי געוויינטלעך, אַז זיי זאָלן האַנדלען און פאַרדינען און וועלן זיין אומשטאַנד צו צאָלן שטייערן, און אַזוי אַרום וועט דער שר פאַרדינען דאָפּלט, און אויך זיי וועלן פאַרדינען, און זיי וועלן רייך ווערן, און זיי וועלן דיר געבן דעם קרן און דעם ריוח, און אויב דו ווילסט שרייב אויף אַ שטר אויף די סומע געלט.

**האָט** אים דער שר געזאָגט, די זאַך איז גוט, און דו ביסט ערלויבט צו טאָן ווי דו פאַרשטייסט, און די מענטשן האָבן וועגן דעם אין גאַנצן נישט געוואוסט. אַ מאָנאַט שפּעטער איז אויסגעבראָכן אַ פייער און דער שר איז פאַרברענט געוואָרן, און אַלע פאַפּירן וועגן מאָנען די געלט, און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין שטוב, איז פאַרברענט געוואָרן, און די גאַנצע געלט איז געבליבן ביים רב ז״ל און אויך די פּראָצענטן. פון דעמאָלט איז שטיל געוואָרן .

**דער** רב האָט געשיקט אַלע אָנפירער פון דער שטאָט און האָט זיי צוריקגעגעבן דעם גאַנצן פאַרמעגן וואָס זיי האָבן אים געגעבן, און האָט מיט זיי אָפּגעמאַכט אַז פון היינט און ווייטער זאָלן זיי געבן צדקה צו אָרעמע לייט יעדן ערב שבת וויפל ער

וועט אויף זיי אַרויפלייגן, און זיי האָבן עס אָנגענומען צופרידענערהייט.

**ביז** אַהער איז די געשיכטע וואָס איך האָב געהערט פון הרה"ג כמהר"ר ישעיה דיין זללה"ה.

בעזהשי"ת

# אַ קורצע באַשרייבונג צו דער נייער פאַרגרעסערטער אויסגאַבע פון דעם הייליגן ספר "שבט מוסר" אין אידיש

**מיט** גרויס פרייד גיבן מיר אַרויס דאָס הייליגע ספר שבט מוסר, איבערגעטייטשט אין אַ לייכטן און פליסיגן אידיש.

**דעם** הייליגן ספר "**שבט מוסר**" האָט מחבר געווען איינער פון די גרעסטע רבנים פון דער שטאָט איזמיר, אין טערקיי, מיט אַרום דריי הונדערט יאָר צוריק.

**דער** ספר "**שבט מוסר**", וואָס איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין יאָר תע"ב, איז הונדערטער יאָרן געווען אָנגענומען בכל תפוצות ישראל, ווי עס שרייבט דער דרוקער אין דער הקדמה אויף דעם ספר "**ידו בכל**" (פונעם בעל מחבר שבט מוסר), אַז ער האָט געזען **ערליכע אידן וואָס פלעגן זיך פירן צו האַלטן אין זייער טלית-בייטל דעם ספר "שבט מוסר"**, אַז זיי זאָלן שטענדיג קענען קוקן דערין.

**דאָס** זעלבע האָבן געטוען אויך די אַנדערע צדיקים אין די שפּעטערדיגע דורות, און אָנגעזאָגט זייערע נאָכפאָלגער צו האַלטן אַ מוסר-ספר אין טלית-בייטל, ווי הג"ר צבי יחזקאל מיכלזאָהן זצ"ל שרייבט אין זיין הסכמה צום ספר "אורחות צדיקים" בזה הלשון: "איך געדענק נאָך אַז אָנהויב ווינטער תרמ"א, ווען איך בין געקומען דאָס ערשטע מאָל צו הגה"ק בעל שפת אמת זצ"ל פון גור, איז געווען אַ מנהג אַז יעדער יונגערמאַן איז אַריינגעגאַנגען נעמען אַ הדרכה, און דער שפת אמת פלעגט

הייסן לערנען יעדן טאָג אַ פרק פון מוסר ספר. טייל יונגעלייט פלעגט ער הייסן לערנען חובת הלבבות און אַנדערע יונגעלייט פלעגט ער הייסן לערנען אורחות צדיקים, און מיר פלעגן האַלטן די ספרים אין אונזערע טלית-בייטלעך, כדי צו לערנען פון זיי פאַר'ן דאַווענען".

**עס** וואָלט כדאי געווען איינצופירן אַז די מחנכים זאָלן זען אַז יעדער יונגערמאַן זאָל טראָגן אין זיין טלית-בייטל דעם ספר שבט מוסר, כאָטש 5-10 מינוט פאַר'ן דאַווענען אָדער נאָכ'ן דאַווענען צו לערנען דעם ספר שבט מוסר.

**עס** זענען געווען פלעצער וואו **רבנים פלעגן פאָרלערנען פון דעם ספר שבט מוסר אין בית המדרש יעדן טאָג צווישן מנחה און מעריב**, און אַזוי זענען נאָך היינט אויך דאָ רבנים, וועלכע לערנען פאָר שבת נאָכמיטאָג דעם ספר.

**דער** הייליגער גאון ר' **הלל קאָלאָמייער** זצללה"ה האָט אַמאָל געזאָגט אויף זיך, **"דער שבט מוסר האָט מיך געמאַכט פאַר אַ איד"** (זע אין ספר משכיל אל דל).

**עס** איז כדאי דאָ אראָפּצוברענגען וואָס הגה"ק ר' הלל קאָלאָמייער שרייבט טאַקע אין זיין ספר "עת לעשות" (שאלה י"ג) וועגן די לעבנס וויכטיגקייט פאַר אַ אידישע פרוי צו קענען דאַווענען און לייענען אידיש טייטש, ווייל דורך דעם ווערט ביי איר יעדן טאָג פאַרמערט מוסר, יראה, צניעות, מדות טובות, און ער שרייבט, אַז דורך דעם לייענט זי יעדן טאָג מנורת המאור, שמחת הנפש, קב הישר און **שבט מוסר**, וואָס דורך דעם פאַרשטייט זי די ווערט פון תורה, דעם שכר פון גן עדן, דעם עונש פון גיהנום, דעם חומר העבירות, עיי"ש באריכות. עכ"פ זעען מיר ווי דער הייליגער ר' הלל קאלאמייער רעכענט אויס צווישן די וויכטיגסטע מוסר ספרים אויך דעם ספר **שבט מוסר**,

(און זע ווייטער אין די הוספות צו פרק ה', וואו מיר האָבן מעתיק געווען די גאַנצע תשובה פון ר' הלל קאָלאָמייער, עיי"ש).

**צוליב** זיין חשיבות און אָנגענומענקייט אין אַלע תפוצות ישראל, איז דער ספר שבט מוסר איבערגעדרוקט געוואָרן אין פיל מהדורות, ווי דער לייענער קען זען אַז דער ספר איז איבערגעדרוקט געוואָרן פון צייט צו צייט, און אַלע אויסגאַבעס זענען אויסגעכאַפּט געוואָרן פון מאַסן אידן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען די חשיבות פון דעם ספר.

**דער** מחבר באַגלייט מיט זיין הייליגע שפּראַך דעם איד אין אַלע זיינע וועגן. זיינע וואַרימע ווערטער דערוואַרימען די הערצער. עס איז תוכו רצוף אהבה פאר'ן באַשעפער און פאַר יעדן איד. ער ווייזט אויף די הייליגע חשיבות פון מקיים זיין יעדע מצוה באַזונדער, און אַלץ מיט אַ פאַרשטענדליכע שפּראַך, אַז אַפילו אַ קינד זאָל קענען פאַרשטיין.

**ווי** מען זעט אין דעם ספר, פאַרבינדט דער מחבר אַלע ענינים מיט דערציילונגען פון זוהר הקדוש, אָדער פון די כתבי אריז"ל און אַנדערע ספרים. ער וואָרנט אפילו וועגן גרינגע מצוות וואָס מענטשן טרעטן אויף זיי, און באַלייכט דעם וועג פאַר יעדן איד אין יעדן אָרט וואו ער געפינט זיך.

**נאָך** בחייו פון דעם מחבר (אין יאָר תפ"ב) איז געדרוקט געוואָרן דער שבט מוסר אין לשון הקודש, אין שטאָט ווילערמשדורף, און נאָך דעם איז דאָס איבערגעדרוקט געוואָרן אין קושטא אין יאָר תפ"ח (276 דפוס), נאָך דעם איז איבערגעדרוקט געוואָרן דאָס הייליגע ספר שבט מוסר, מיט דעם צוגאָב פון אַ נייע איבערזעצונג אין דער אידישער שפּראַך. און כאָטש די אידישע איבערזעצונג איז בשעתו געווען אַ גרויסע תועלת פאר'ן לייענער, צו קענען פאַרשטיין דאָס ספר אויף די שפה המדוברת, אָבער ליידער איז די דעמאָלסטיגע אידישע

איבערזעצונג געווען גרייזיג אין פאַרשידענע ערטער, און אויך איז עס נישט צוגעפּאַסט צו דעם היינטצייטיגן אויסלייג פון די אידישע שפּראַך אין די קרייזן פון חרדי'שע אידן, וואו די אידישע שפּראַך איז אָנגענומען און ווערט גענוצט טאָג טעגליך דורך אַלט און יונג.

**מיר** ווייסן פון פיל ספרים וואָס די גאוני וצדיקי הדורות זי"ע האָבן מחבר געווען אויך אין די אידישע שפּראַך, ווי דער תוספות יום טוב, דער רבי ר' יונתן און דער ישמח משה, און טאַקע ר' הלל קאָלאָמייער, וואָס האָבן פאַרפאַסט ספרים אין דער אידישער שפּראַך. אויך ווערט געברענגט אין ספר זכרון ש"י, די צוואה פון הגאון ר' שעפטיל זצ"ל, אַ זון פון של"ה הקדוש (אות י"ז) אַז די פרויען זאָלן זיין געוואוינט צו לייענען אין די חומשים אויף אידיש לשון, ווי אויך ספר לב טוב אין אידיש, עיי"ש.

## די וויכטיגקייט פון לערנען ספרי מוסר יעדן טאָג

**דער** רבי ר' יונתן זי"ע שרייבט אין ספר יערות דבש (חלק א', דרוש י"ב, דף ע"א) אַז אפילו פרויען און מיידלעך זענען מחויב צו לערנען יעדן טאָג מוסר-ספרים וואָס זענען געדרוקט אין דער אידישער שפּראַך, ווי למשל דאָס ספר שמחת הנפש וכו', און ער פירט אויס, "אויב איר וועט אזוי טוהן, זאָג איך אייך צו אַז אייערע הערצער וועלן זיך עפענען צום אמת'ן יראת שמים, און איר וועט נישט לייכט צוקומען צו קיין חטא", עיי"ש.

**עס** איז כדאי צו ברענגען דאָ וואָס עס ווערט דערציילט אַז איינער האָט געפרעגט דעם גדול המוסר הג"ר ישראל סאלאנטער זצ"ל, אַז היות ער האָט בלויז אַ האַלבע שעה יעדן טאָג פריי צום לערנען, וואָס זאָל ער לערנען אין די האַלבע שעה. האָט ער אים געענטפערט: זאָלסט לערנען אין אַ מוסר-

ספר, וועסטו דאַן זען אַז דו האָסט צייט צום לערנען מער ווי אַ האַלבע שעה יעדן טאָג.

**אויך** איז ידוע אַז דער הייליגער חתם סופר זי"ע פלעגן יעדן טאָג פאָרלערנען פאַר די תלמידים דעם ספר חובת הלבבות, און ער האָט געזאָגט, אַז אין אַ טאָג ווען ער לערנט נישט קיין מוסר ספר פילט ער עס.

**דער** געוואַלדיגער תועלת פון לערנען מוסר-ספרים פאַר תיקון המידות איז איבעריג צו באַטאָנען. עס ווערט געברענגט פון צדיקים אַז היינטיגע צייטן איז די וויכטיגסטע זאַך צו רעדן וועגן מדות. גדולי ישראל האָבן אויך געזאָגט, אַז מ'קען דורכלערנען גאַנץ ש"ס און עס מסיים זיין, אָבער מסכת מדות האָט מען נאָך אַלץ נישט אָנגעהויבן.

**אפילו** גרויסע צדיקים האָבן געדאַרפט אַרבעטן אַ לאַנגע צייט אַריינצוברענגען אין זיך גוטע מידות. הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע, וועלכער איז געווען דער עמוד האמת בדורו, האָט עדות געזאָגט אויף זיך אַליין אַז 13 יאָר האָט ער געדאַרפט אַרבעטן אויף זיך אויסצורייסן פון זיך די מדה פון שקר, און נאָך 13 יאָר האָט ער געדאַרפט אַרבעטן קונה צו זיין די מדת האמת.

**אין** די הקדמה פון ספר ויגד יעקב אויף מועדים ברענגט ער בשם אביו, אַז דער בעלזער רב הגה"ק מהרי"ד זי"ע האָט געזאָגט: "ראשית חכמה ברויך מען צו לערנען, חובת הלבבות ברויך מען צו קוקן, ארחות צדיקים ברויך מען צו קענען אויסענווייניג", ע"כ. און עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז ער האָט געמיינט אויך אַנדערע ספרי המוסר אַזוי ווי דער ספה"ק שבט מוסר. דעם ספר שבט מוסר האָט דאָך יעדער ערליכער איד געהאַט אין שטוב, אָן דעם הייליגן ספר האָט מען זיך נישט גערירט.

**אויך** איז באַקאַנט וואָס הגאון רבי עקיבא איגר זצ״ל שרייבט אין די הקדמה פון זיין ספר, אַז ער בעט זיין זוהן אַכטונג צו געבן ביים דרוקן זיינע ספרים, אַז עס זאָל זיין געדרוקט אויף שיינעם פאַפיר און שיינע אותיות מיט שוואַרצן טינט, ווייל דורך דעם וואָס אַ ספר איז געדרוקט אין אַ שיינעם פאָרמאַט, און מיט שיינע אותיות וואָס דערלייכטן די אויגן, ווערט אויסגעברייטערט דאָס דעת און די כוונה ווערט נתעורר״ עיי״ש.

**דעריבער** האָבן מיר יעצט איבערגעדרוקט און איבערגעאַרבעט דעם אידישן פירוש פון דעם ספר **שבט מוסר** אויף דער היינטיגער אידישער שפראַך, מיט אַ פאַרגרעסערטע אויפלאַגע. מיר האָבן פאַרראָכטן דעם אויסלייג פון דער אידישער איבערזעצונג עד מקום שידינו מגעת, און מיר האָבן זיך באַמיט אַרויסצוברענגען ריכטיג די געדאַנקען פון דעם מחבר אין זיין הייליגן ספר ווי ווייט מעגליך, כדי עס זאָל זיין גרינג צו לערנען פאַר יעדן וואָס וויל זיך דערוואַרעמען מיט די הייליגע ווערטער פון דעם ספר.

**מיר** האָבן נישט געקוקט אויף קיין מי און אויף די רידיגע אויסגאַבן פון אַרויסגעבן אַזאַ ספר אין אַ שיינע אויסלאַגע אין דער היינטיגער צייט, נאָר מיר האָבן עס אָפּגעדרוקט מיט שיינע אותיות, און צוגעפּאַסט צו יעדן ענין אַז עס זאָל זיך לייענען אויף אַ לייכטן אופן.

**מיר** האָבן זיך אויך באַמיט אַרויסצושרייבן די ראשי תיבות וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין ערשטן דרוק, און צוגעלייגט נאָך פיל מעלות, ווי שטרעכלעך און פינטעלעך, איינגעטיילט אין פאַראַגראַפן, קעפלעך אויף פאַרשידענע ענינים אינמיטן די פרקים. מיר האָבן אויך צוגעלייגט וויכטיגע הערות און הוספות ביים סוף פון די פרקים, ווי סיפורי מעשיות און אַנדערע וויכטיגע ידיעות וואָס האָבן אַ שייכות מיט די ענינים וועלכע דער מחבר באַהאַנדלט אין דעם פרק. מיר האָבן אויך צוזאַמענגעקליבן אין פאַרשידענע ערטער פון די רייד

פון די פוסקים וואָס זענען נוגע צו די רייד פון דעם מחבר, און אַלץ אין אַ לייכטע און צוגענגליכע שפּראַך, כדי צו באַרייכערן דעם לייענער מיט ידיעות וועגן די ענינים וואָס דער מחבר דערמאנט.

**מיר** ווילן דאָ אויך באַטאָנען, אַז מיר האָבן נאָך אַ סאַך הוספות און הערות אויף דעם ספר שבט מוסר, און כדי דאָס אַלץ אָפּצודרוקן וואָלטן מיר זיך געניטיגט אין נאָך פיל צייט. מיר האָבן אָבער נישט געוואָלט צוריקהאַלטן דאָס אָפּדרוקן דעם ספר, ווייל עס איז אַ ספר וואָס רבים צריכים לו (עיין ביצה כ״ה ע״ב), און פאַר אַ סאַך מענטשן איז עס ממש אַן ענין פון פיקוח נפש, צו ראַטעווען די נשמות פון די היינטיגע יונגע קינדער, און מיר האָפן אָפּצודרוקן אין די קומענדיגע אויסגאַבעס אַלע נויטיגע הוספות.

**טראָץ** דעם וואָס מיר האָבן איבערגעאַרבעט די אידישע איבערזעצונג לויט׳ן אויסלייג פון דער היינטיגער צייט, האָבן מיר אָבער זיך אויך באַמיט צו האַלטן זיך ווי ווייט מעגליך ביי די אָריגינעלע פריערדיגע איבערזעצונג.

**אונזער** נייער ספר איז באשיינט מיט די הסכמות פון הרבנים הגאונים הצדיקים אבד״ק דעברעצין, אודווארי, קאשוי, און הגה״צ רבי מאיר בראנסדארפער, מגדולי פוסקי דורינו שליט״א, וועלכע שרייבן די טיפע אנערקענונג און אָפּשאַצונג פון אונזער הייליגע אַרבעט אַרויסצוגעבן דעם ספר שבט מוסר על צד היותר טוב.

**מיט** די גאַנצע מי און אַרבעט וואָס מיר האָבן אַריינגעלייגט אַרויסצוגעבן דאָס ספר ברוב פאר והדר, זענען מיר אָבער באַוואוסטזיניג פון דעם פאַקט אַז ״שגיאות מי יבין״, און עס איז מעגליך אַז עס איז אַריינגעפאַלן אַ טעות אָדער אַן אומפאַרשטענדליך לשון. בעטן מיר דעריבער די חשוב׳ע לייענער אַז זיי זאָלן אונז דן זיין לכף זכות, צוליב די אויסערגעווענליכע מי וואָס איז פאַרבונדן מיט אַרויסגעבן אַזאַ ספר.

**דער** הייליגער ספר שבט מוסר איז באַזונדערס וויכטיג אין אונזער היינטיגן דור יתום, ווען עס פעלן אונז ליידער די הייליגע צדיקים זי"ע פון די פריערדיגע דורות, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל מוכיח זיין בדברי מוסר והתעוררות. דאָס דאָזיגע ספר קען ממלא זיין דעם חסרון, ווייל ווען מען איז מעיין אין דעם ספר, זעט מען ווי דער הייליגער מחבר רעדט צו יעדן איינעם פון אונז, גלייך ווי ער וואָלט געלעבט אין אונזער דור און ווי ער וואָלט געוואוסט וועגן אַלע גרויסע נסיונות צו וועלכע אונזער דור איז אויסגעשטעלט.

**עס** איז ידוע וואָס דער מדרש זאָגט אויפ'ן פסוק "עת לעשות לה' הפרו תורתך", אַז ווען עס איז אַ דור פרוץ, מען האַלט נישט די תורה, מען איז נישט מקיים אירע מצוות ווי עס דאַרף צו זיין, עס איז "הפרו תורתיך", דעמאָלס איז "עת לעשות לה'", מען דאַרף טוען פאַר דעם אויבערשטן, צו שטאַרקן דעם קיום פון דער תורה הקדושה.

**אויך** איז כדאי צו ברענגען דאָ וואָס הגה"ק רבי הלל קאָלאָמייער זי"ע שרייבט אין זיין הקדמה צום ספר "עת לעשות", אַז דער ספר קאָסט אים אָן אַ שיעור טרערן און זייער פיל שעה'ן ביטול תורה אַרויסצוגעבן עס פאַר דער וועלט, אָבער ער טוט עס כדי אַריינצוברענגען אמונה, בטחון און מדות טובות אין אידישע הייזער, וואָס עס מאַנגלט זייער אין היינטיגן דור.

**אויב** ער שרייבט אַזוי מיט הונדערט יאָר צוריק, וואָס איז אין פאַרגלייך צום היינטיגן דור געווען אַ דור פון תורה און יראה, קדושה און טהרה, ווען עס האָבן נאָך געלעבט הונדערטער גאונים וצדיקים אין אַלע מדינות וואו אידן האָבן געוואוינט, און דאָך שרייבט ר' הלל קאָלאָמייער אַז ער פילט אַז אַזאַ ספר פעלט אויס פאַר די וועלט, איז וואָס זאָלן מיר זאָגן היינט בעווה"ר, ווען אידישע קינדער זענען אויסגעשטעלט צו פאַרשידענע נסיונות ברוחניות ובגשמיות, מענטשן זענען פאַריאָגט נאָך פרנסה, און עס איז אונטערגעוואַקסן אַ דור

בליעה״ר וואָס האָט זיך בעז״ה שטאַרק צעבליט, אָבער מען ווייסט כמעט נישט ווי אַזוי עס האָט אַמאָל אויסגעזען אַן ערליכער איד.

**דאָס** האָט אונז טאַקע שטאַרק מחזק געווען אין אונזער אַרבעט, זעענדיג די וויכטיגקייט פון אַרויסגעבן פון דאָס ניי אַזאַ ספר ווי דער **שבט מוסר** איז, כדי צו דערלייכטן די אויגן פון אידישע קינדער און דערוואַרימען זייערע הערצער מיט די האַרציגע און וואַרימע מוסר-רייד פון הייליגן מחבר זי״ע.

**דערצו** איז אויך פאַסיג פאַר אונז דאָ אַראָפּצוברענגען וואָס ר׳ הלל קאָלאָמייער שרייבט אין די הקדמה צו זיין ספר עת לעשות, וזל״ק: ווייל איך האָב אין פאַרלויף פון מערערע יאָרן געהאַט אַ גרויסן פאַרקער און אַ סאַך באַגעגענישן מיט פאַרשידענע סאָרטן פון אידישע קינדער, און איך האָב זיי גוט קענען געלערנט, בין איך שטאַרק איבערצייגט, אַז אַפילו ביי די נידעריגסטע קלאַסן פון די אידן איז די אמונה און ליבשאַפט צום דת און צום בורא ברוך הוא נאָך פעסט און געטריי. און אויך אין דער היינטיגער צייט איז זיי נאָך אַלץ פאַסיג דער נאָמען ״חבוקה ודבוקה בך״ - מיין פארנעמען און מיין וואונש איז צו שטאַרקן זיך אין אידישקייט אַזוי ווי אַ מויער פון אַ פעסטונג. און אין געוויסע הינזיכטן זענען זיי נאָך מער לויבנסווערט ווי די דורות הראשונים, די פריערדיגע דורות. און די גאַנצע אורזאַך פאַרוואָס געוויסע ענינים זענען אָפּגעשוואַכט ביי אידן, און אין טייל געגענטן איז אפילו אידישקייט גאָר שטאַרק אָפּגעשוואַכט, פאַרקלענערט אָדער פאַרוויניגערט, און שטייט אין אַ נידעריגע מדריגה, דאָס אַלעס איז נאָר צוליב דער אומוויסנהייט, ווייל זיי זענען ליידער פון די פאַרשריפטן פון דער הייליגער תורה נישט נאָר דערווייטערט, נאָר אויך פרעמד, ווייל בעוה״ר זענען פאַראַן זייער זעלטן אמת׳דיגע טרייע פירער, און דורך דעם זענען זיי כצאן בלא רועה, ווי שאָף אָן היטער, און אין געוויסע שטעט דאַרף מען זיי באַטראַכטן ווי פאַרבלאָנדזשעטע שאָף, צוליב זייער פאַלשע מנהיגים. דעריבער האַלט איך פאַר מיין

פליכט מקיים צו זיין די מצוה פון "הפרו תורתך" וועגן "עת לעשות לה'", אַז ווען מען וויל צורעכט ווייזן אידישע קינדער, מוז מען זיך מבטל זיין פון תורה לערנען, אַז די ברענענדיגע קויל פון אברהם אבינו צו השם יתברך זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן אינגאַנצן ביי זיינע קינדער אין דעם לעצטן דור וכו' עיין שם.

**אויך** שרייבט ער דאָרט בתוך הדברים: אויב דו וועסט נישט פועל'ן ביי מענער, וועסטו פועל'ן ביי פרויען וועלכע זענען ווייכהערציג; אויב דו וועסט נישט ווירקן ביי יונגע מענטשן, וועסטו ווירקן ביי אַלטע; אויב דו וועסט נישט ווירקן ביי געזונטע, וועסטו ווירקן ביי קראַנקע און ביי מדוכאים ביסורים, די וואָס זענען געפלאָגט פון יסורים; ווי אויך ביי אַזעלכע וואָס זענען פאַרפאָלגט פון די פגעי הזמן, פון פאַרשידענע שלעכטע צופאַלן. אָבער לויט מיין מיינונג וועסטו מצליח זיין אין אַלע דיינע וועגן. פאָרכט דיך נישט! זיי נישט באַזאָרגט! שרעק דיך נישט אָפּ! ווייל די אידישע קינדער האָבן געהאַט אַן אור-אַלטן פאָטער אברהם, וואָס די תורה שרייבט אויף אים "והאמין בה'", אַז זיין גלויבן אין השם יתברך איז געווען פעסט און שטאַרק, ממילא איז דאָך די אמונה איינגעוואָרצלט ביי אידישע קינדער בתורת ירושה, און זייער נאָמען איז אויף אייביג "מאמינים בני מאמינים". דעריבער, לויט מיין מיינונג, וועסטו זייער אַ סאַך ווירקן. אַ סאַך אידישע קינדער וועלן דיך קושן, און אַ סאַך וועלן ביים לייענען פאַרגיסן טרערן, וכו', עיין שם.

**איך** וויל דאַנקען דעם אויבערשטן וואָס איך האָב געהאַט דעם זכות מזכה צו זיין את הרבים, אַרויסצוגעבן פונדאָסניי דעם ספר שבט מוסר, וואָס עס איז יעצט געוואָרן 262 יאָר זינט זיין פטירה (כ"ד אדר תפ"ט – תשנ"א).

**ווי** באַקאַנט, שרייבט דער מחבר (אין פרק כ"ח) אַ טעם אויף דעם וואָס מיר זעהן צומאָל ווי צוויי מענטשן לערנען אין זעלבן ספר, אָבער

ביידע פילן אַן אַנדערן טעם דערין. איינער פילט גאָר אַ געשמאַקן טעם אין לערנען דעם ספר, אָבער דער צווייטער פילט נישט אַזאַ חיות אין דעם. שרייבט דער מחבר, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל דער וואָס פילט אַ געשמאַק אין לערנען דעם ספר האָט זיין נשמה אין שורש אַ שייכות צו דער נשמה פונעם מחבר, און דערפאַר פילט ער אַ געשמאַק דערין, און די מוסר ווערטער ווערן איינגעקריצט אין זיין מוח.

**אָבער** דער צווייטער, וועלכער האָט געלערנט דאָס ספר און האָט נישט געפילט אַ טעם דערין, איז עס צוליב דעם ווייל זיין נשמה האָט נישט קיין אָנהאַלט אין דער נשמה פון דעם מחבר פונעם ספר.

**אויך** איז מעגליך, אַז יענער האָט אַליין מחבר געווען דאָס דאָזיגע ספר אין אַן אַמאָליגן גלגול, און דערפאַר פילט ער מער טעם דערין וויבאַלד ער אַליין איז דער מחבר פונעם ספר, עכתדה״ק.

**יהי** רצון אַז דער זכות פונעם הייליגן מחבר זאָל מגין זיין אויף מיר און מיין בני-בית און אויף יעדן איינעם וואָס האָט צוגעהאָלפן אַרויסגעבן דאָס ספר, זיי זאָלן געהאָלפן ווערן מיט אַלעם וואָס זיי ווינטשן זיך אַליין, בני, חיי ומזוני, דערציען זייערע קינדער צו תורה, חופה און מעשים טובים.

**מיר** האָפן אַז דאָס ספר וועט אַריינשיינען קדושה און יראת שמים אין אידישע הערצער, און מיר וועלן זוכה זיין צו זען ישועת כל ישראל ושמחתן.

**עס** זאָל ביי אונז מקויים ווערן די נבואה פון ישעי׳ הנביא (נ״ב, ז-ט) מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום על הרי יהודה, אומר לציון מלך אלוקיך וכו׳ כי עין בעין יראו בשוב ה׳ ציון, וראו כל אפסי ארץ את ישועת אלוקינו, במהרה בימינו אמן.

**שלהי דקייטא, ג׳ לחודש אני לדודי ודודי לי תשנ״א לפ״ק.**

המו״ל

בעזהשי"ת

# די הקדמה פון הייליגען מחבר זלה"ה

**דאָס** זענען די רייד פון דעם יונגן אליהו, אַ זון פון דעם חכם השלם, המופלג בחסידות, כמוה"ר שלמה אברהם הכהן זכר צדיק לברכה. דער דאָזיגער ספר **שבט מוסר** וואָס איך האָב אויפגעבערענגט און אויפגעצויגן, צו מוסר'ן זיך און אַנדערע אַזוי ווי מיר, און אפשר, אַז איך וועל מזכה זיין אַנדערע אידן צוזאַמען מיט זיך, וועט דער אויבערשטער רחמנות האָבן אויף מיר, אָנצונעמען מיך מיט אַ גאַנצע תשובה פאַר אים.

**איך** האָב נישט דורכגעלאָזט קיין גרויסע און קליינע זאַך וואָס איך האָב נישט אָנגעשלאָסן אין דאָזיגן ספר, צו מוסר'ן דעם מענטש, און דער ספר איז מכניע דעם זינדיגן צו ברענגען אים ער זאָל תשובה טוהן פאַרן באַשעפער און זיך שיצן אונטער די פליגל פון דער שכינה.

**דעריבער** האָב איך צוגעגעבן, אין צוגאָב צו די פרטים פון מוסר, נאָך דריי ענינים.

**א) איך** האָב אַראָפּגעבערענגט די תיקונים פאַר די עבירות ווי זיי ווערן געברענגט אין די ספרים, און אַביסל פון דעם וואָס דער באַשעפער האָט מיך חונן-דעת געווען, ווייל די חז"ל זאָגן "הבא לטהר מסייעין אותו", פון הימל העלפט מען דעם וואָס וויל זיך רייניגן.

**ב) איך** האָב מסדר געווען דריי דרושים וועגן דעם ענין פון תשובה. אין די דאָזיגע דריי דרושים זענען געבראַכט געוואָרן אַ סך חידושים.

**ג) איך** האָב אַראָפּגעבערענגט מאמרים פון פאַרשידענע מקורות וועגן דעם ענין פון תשובה, ווייל דער וואָס לערנט זיך אַרויס אַ

מוסר און וויל תשובה טוהן, דאַרף וויסן ווי אַזוי תשובה צו טוהן, ווי אַזוי ער קען מתקן זיין זיין פאַרברעכן, און ער דאַרף וויסן די מעלה פון טוהן תשובה, און די גרויסקייט פון דעם איד וואָס טוט תשובה, היות דאָס אַלץ איז אין אַ לשון פון אַ תחינה און אַ תפילה, איז עס שייך פאַר יעדן איינעם וואָס וויל תשובה טוהן.

**ביים** סוף פונעם ספר האָב איך אויך געברענגט וואונדערלעכע חידושים וואָס זענען נישט געדרוקט געוואָרן אין ספר מדרש תלפיות וואָס איך האָב פאַרפאַסט.

**אין** דאָזיגן ספר וועסטו טרעפן 52 פרקים, ווי די צאָל פונעם וואָרט "אליהו". איך בעט אויך דעם אויבערשטן ער זאָל מיר העלפן אַרויסגעבן דעם דאָזיגן ספר, און די אַנדערע ספרים וואָס איך האָב מחבר געווען. זיי זענען ווי פאָלגענד:

**ספר** מדרש אליהו.

**ספר** מדרש האתמרי, אַ פירוש אויף תהלים, און ער ברענגט אַראָפּ אַלע מאמרים פון תלמוד בבלי, ירושלמי און מדרשים.

**ספר** סמוכים לעד.

**ספר** אזור אליהו.

**ספר** מנחת אליהו, אַ פירוש אויף פרקי אבות.

**אַ** פירוש אויף דער הגדה של פסח.

**ספר** טעמי המצוות.

**ספר** שאלות ותשובות.

**שיטה** אויף מסכת עבודה זרה.

**אַ** ביאור אויף אַלע שווערע מאמרים אין מסכת תענית.

**אַ** ביאור אויף אַלע אגדות פון ירושלמי.

**אַ** ספר ביאור ההפטורות.

**אַ** ספר פון באַזונדערע חידושים.

**ספר** ידו בכל.

**ספר** מגלה צפונות, דריי אויסגאַבעס, אַ ביאור אויף תורה און מאמרי חז"ל.

**אַ** ביאור אויף שיר השירים, רות און אחשורוש (מגילת אסתר).

**ספר** מעיל צדקה.

**ספר** מדרש תלפיות.

**ספר** פירוש האיכות.

**אַ** ביאור אויף פרקי דרבי אליעזר און אותיות דרבי עקיבא.

**אַ** ביאור אויף מסכת כלה, מסכת שמחות און תנא דבי אליהו.

**אַ** ביאור אויף מסכת דרך ארץ רבה וזוטא.

**און** היות דער פסוק זאָגט דאָך, ראשית חכמה יראת ה', דעריבער האָב איך אַרויסגעגעבן צוערשט דעם ספר שבט מוסר, וועלכער גיט אַריין יראת שמים אין דעם לייענער, כדי מזכה צו זיין אַ סך אידן, אמן ואמן. **אין זכות פון מיינע הייליגע עלטערן, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן מזכה צו זיין את הרבים, זכותם יגן עלי ועל כל ישראל אמן.**

❖❖❖

---

**אינעם** דרוק פונעם דאָזיגן ספר, קושטאנדינא תפ"ב, איז די הקדמה מער בקיצור. דאָרט ברענגט ער אַנדערע ספרים וואָס ער האָט מחבר געווען, וז"ל שם:

**איך** האָב אויך געשריבן אַ ביאור אויף "**אבינו מלכנו**" וואָס מיר זאָגן אין די עשרת ימי תשובה, ווי אויך אַ ביאור אויף "אדיר ונאור מי א-ל כמוך", וואָס מיר זענען זיך נוהג צו זאָגן אין די נעכט פון סליחות און יום-כיפור. אויך אַ ביאור אויף "למען א-להינו", וואָס מען

זאָגט פאַר יעדער הקפה (אין שמחת תורה), היות די אַלע זענען תחינות און בקשות, זענען זיי שייך פאַר יעדן איינעם וואָס טוהן תשובה.

**ביים** סוף פונעם ספר האָב איך אויך געשריבן וואונדערליכע חידושים וואָס זענען נישט דערשינען אינעם וואונדערליכן ספר "מדרש תלפיות" וואָס איך האָב מחבר געווען.

**אין** דעם דאָזיגן ספר "**שבט מוסר**" וועסטו געפינען 52 פרקים, ווי די צאָל פון מיין נאָמען, "אליהו".

❀ ❀ ❀

# הקדמת הרב המחבר זצ״ל - בלשה״ק

**אמר** הצעיר אליהו בן החכם השלם המופלג בחסידות כמוה״ר שלמה אברהם הכהן זכר צדיק לברכה. זה ספר שבט מוסר אשר טפחתי ורביתי הוא ליסר את עצמי ולאחרים כמוני, אולי בהיותי מזכה אחרים עמי, ירחם הקדוש ברוך הוא עלי לקבלני בתשובה שלימה לפניו. ולא הנחתי דבר גדול וקטן שלא כללתי בתוכו למוסר האדם המכניע נפש החוטא להביא לשוב לבוראו להסתופף תחת כנפי השכינה.

**ולכן,** מלבד פרטי המוסר, הוספתי לעשות שלשה דברים: א) להביא תיקוני העבירות מפי סופרים ומפי ספרים, וקצת ממה שחנן הקדוש ברוך הוא בדעתי, כי הבא לטהר מסייעין אותו. ב) סדרתי שלשה דרושים מדברים בענין התשובה, ובהם נכללים כמה וכמה חידושים. ג) הבאתי מאמרים מפוזרים מדברים בענין התשובה, דכיון שהלוקח מוסר שב בתשובה כדי שידע עשיית התשובה – כיצד יתקן המעוות, וגם שידע מעלת התשובה, והעושה אותה מה מעלתו. יען כל זה הם דברים של תחנה ובקשה שייך לכל שב בתשובה.

**גם** כתבתי בסוף הספר חידושים מופלאים שנשמטו מספר המופלא מדרש תלפיות שחברתי, ותמצא בספר הזה ב״ן פרקים כמספר אליהו. והא-ל שזיכני להוציא לאור תעלומות הספר הלז, כן יזכני להוציא הספרים אשר כוננו ידי בעזר העוזר, ואלה שמותם.

**ספר** מדרש אליהו.

**ספר** מדרש האתמרי, פירוש על תהלים, ולא עוד אלא הנמצא בתלמוד בבלי וירושלמי ובכל המדרשים.

**ספר** סמוכים לעד.

**ספר** אזור אליהו.

**ספר** מנחת אליהו, פירוש על פרקי אבות.

**פירוש** ההגדה.

**ספר** טעמי המצוות.

**ספר** שאלות ותשובות.

**שיטה** על מסכת עבודה זרה.

**ביאור** על כל הדברים הקשים ממסכת תענית.

**ביאור** על אגדות הירושלמי.

**ספר** ביאור ההפטרות.

**ספר** חידושים נפרדים.

**ספר** ידו בכל.

**ספר** מגלה צפונות, שלשה מהדורות בביאור על התורה ומאמרי חז״ל אין חקר.

**ביאור** על שיר השירים ורות ואחשורוש.

**ספר** מעיל צדקה.

**ספר** מדרש תלפיות.

**ספר** פירוש האיכות.

**וביאור** על פרקי רבי אליעזר, ועל אותיות דרבי עקיבא.

**ועל** מסכת כלה, ומסכת שמחות, ותנא דבי אליהו.

**וביאור** על מסכתא דרך ארץ רבא וזוטא.

**ובהיות** דראשית חכמה יראה ה׳, **שבט מוסר** יצא ראשונה, יען מביא יראת ה׳ אל הקורא בו לזכות הרבים אמן ואמן. **בזכות אבותי הקדושים אשר הוציאו ימיהם לזכות את הרבים**, זכותם יגן עלי ועל כל ישראל, אמן.

---

**בדפוס** קושטאנטינא תפ״ב הוא יותר בקיצור, ושם מביא ספרים אחרים שחיבר, וז״ל שם:

**גם** כתבתי ביאור על "אבינו מלכנו" שאנו אומרים בעשרת ימי תשובה, ועל "אדיר ונאור מי א-ל כמוך" שנוהגין לומר בלילי סליחות ויום הכיפורים, וביאור גם כן על "למען אלהינו" שאנו אומרים קודם כל הקפה – יען כל זה הם דברים של תחנה ובקשה, שייך לכל שב בתשובה. גם כתבתי בסוף הספר חידושים מופלאים שנשמטו מספר המופלא "מדרש תלפיות" שחברתי, ותמצא בספר הזה ב"ן פרקים, כמספר שמי אליהו.

**והשם** יזכני להדפיס כל מה שכתבתי מיום היותי עד היום הזה לזכות הרבים, אמן ואמן. **בזכות אבותי הקדושים אשר הוציאו ימיהם לזכות את הרבים**, זכותם יגן עלי ועל כל ישראל, אמן.

❖❖❖

בעזרת השם יתברך

# פרשת בראשית

## נדבת
## מוהר״ר מרדכי ישראל קליינמאן

לטובת נשמת אביו

**ר׳ יוסף צבי בן ישראל ז״ל,**

נפטר כ״ח מרחשון תשמ״ה '84 למספרם

❁

**אמו מרת בילא לאה בת ר׳ ישראל ז״ל,**

נפטרה כ״ט טבת תש״ד, '944 למספרם

❁

**חמיו ר׳ נחום בן יוסף זעליג ז״ל,**

נפטר ז׳ תמוז תש״מ '980 למספרם

❁

**חמותו מרת העניא דבורה בת ר׳ שלום הירש ע״ה,**

נפטרה כ״ה טבת תשל״ד '74 למספרם

❁